בס"ד

טעגליכע בלעטל לעיקוואד אומגעגנט

# לוח הציבור לעיקוואד

Call/Text: 732.696.4300 Email: ads@lakewooddaily.com

Subscribe to get it via email: subscribe@lakewooddaily.com

**Friday May 29, 2026** — **ערש"ק פרשת נשא - י"ג סיון תשפ"ו**

## זמנים

הזמנים הם לעיר לעיקוואד

| | היום | מחר |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 4:19 | 4:18 |
| נץ החמה: | 5:31 | 5:30 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:36 | 8:36 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:12 | 9:12 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:02 | 10:02 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:26 | 10:26 |
| חצות: | 12:54 | 12:54 |
| מנחה גדולה: | 1:37 | 1:37 |
| מנחה קטנה: | 5:55 | 5:55 |
| שקיעה: | 8:17 | 8:18 |
| צאה"כ ר"ת: | 9:29 | 9:30 |

## שיעורים

| | |
|---|---|
| דף היומי | חולין כט |
| עמוד יומי | יומא יז. |
| דף הירושלמי | בבא קמא כז |
| משנה יומית | כלים ו, ד - ז, א |
| הלכה יומית | או"ח רב, ד-ו |
| תהלים | סט-עא / סא-סה |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו מד. |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| מצוה יומית | תקמז: לא תשים דמים בביתך |
| תניא | והנה - מאין ליש |

## וועטער

| הייַנט | מארגן |
|---|---|
| 78°- 54° | 66°- 46° |
| מערסטענס זוניג | מערסטענס זוניג |

## זמני שבת

שב"ק פרשת נשא - י"ד סיון תשפ"ו - אבות פ"א

זמן הדלה"נ 7:59 | זמן מוצאי שבת 9:31

›SOFTWARE/ DEVELOPMENT /COURSE‹

דיין חבר, שכן און קרוב זוכט א סאפטווער דעוועלאפער פאר זיין ביזנעס

ווייל אזויפיל ביזנעסער זוכן היינט געלונגענע דעוועלאפערס וועלכע קענען זיי העלפן מיט זייער סאפטווער. אפשר דו?

LAST CHANCE

Viewpoint ACADEMY

Call today to see if you're qualified

212.989.7177 viewpointlearn.com

"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc. Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
Call 24 hours: 646-820-0196

The Heating Cooling Doctor

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587

The Commercial Refrigeration Doctor

US MOBILE

$8 MONTH Unlimited Talk & Text

BEST KOSHER PLAN

Switch Now! 878.205.0522 usmobile.com/kosher

Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus

Call/Text/WhatsApp 845-325-2324

# שמחות

טעגליכע שמחה דערמאנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**732.696.4300**

מזל טוב! | א שמחה אין לעיקוואוד?

דערמאנט אייערע באקאנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".


מזל טוב!

budgetyid.com

קום צו די חתונה ווי א מחותן


## שלום זכר

ר' **עקיבא מיללער** הי"ו
בן הרה"ג ר' מרדכי שליט"א| חתן הרה"ג ר' זלמן ליב בערנשטיין שליט"א ראש ישיבת

**בבית חמין**
322 eleventh street.

## קידוש

ר' **אברהם שווייצער** הי"ו
בן מוה"ר אהרן הי"ו | חתן מוה"ר אהרן משה קרויס הי"ו

**בביהמ"ד בית מרדכי בעלזא**
2 Hanover Way


TI THE INVESTOR PRIVATE INVESTMENT STRATEGIST
SERIES 65 QUALIFIED
BERKSHIRE INSURED

If you would've put **$50,000** in the stock market 20 years ago, it would be worth over **$2 MILLION** today.

Learn how to invest in the market to **build wealth** and also be protected against the inevitable bear market downturns.

Call **(732) 474-8632**

**Insurance alert!**
**Cheapest insurance rates for 1-4 family houses**
718 871 1549 Ext. 210   9294598484

**עין הרע?**
די השתדלות וואס איז זייער וויכטיג! עס זאל זיין ביי אייך אלע ענינים ווערן ליכטיג!
אפשרעכן עין הרע דורך בליי - לוצקין א"י
רופט: 929-758-5878 Blay9297585878@GMAIL.COM


**Emergency Numbers**

Police & Fire 911
Hatzalah - הצלה
732.370.3600

Shomrim שומרים
732.367.1212
Chaveirim - חברים
732.370.2229

לוח הציבור

**Boro Park**
718.303.4300
**Monsey**
845.425.4300


Elax furniture
Comfort. Style. Elax.
CLEARANCE
EVERYTHING MUST GO!
MAY 31 - JUN 1
11AM - 4PM
Location: 1201 River Ave, Lakewood, NJ 08701 (Formerly Dips)
CHAIRS, TABLES, SOFAS AND MORE
BELOW WHOLESALE PRICES

# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

### י"ג סיון

תל"ח — הג"ר **אפרים** ב"ר **יעקב כ"ץ** זצ"ל
שערי אפרים

תפ"ט — הג"ר **אברהם** ב"ר **דוד יצחקי** זצ"ל
זרע אברהם

תקנ"ט — הג"ר **יהודה לייב** ב"ר **יואל כ"ץ** זצ"ל
אב"ד באלחוב-סטריא

תר"מ — הג"ר **יוסף דוב** ב"ר **חיים לאק** זצ"ל
אב"ד מעדיעד

תר"נ — הג"ר **משה דוד** ב"ר **שבתי שפירא** זצ"ל
אב"ד באהוש

תרס"ח — הג"ר **יוסף מנחם** ב"ר **יצחק גאלדבערגער** זצ"ל
מנאנאש

תרע"ב — הג"ר **שרגא יאיר** ב"ר **נתן דוד משידלובצא** זצ"ל
ארון עדות

תש"א — הג"ר **יעקב מאיר** ב"ר **בצלאל בידערמאן** זצ"ל
גאב"ד ווארשא

תש"ד — הג"ר **יצחק אייזיק** ב"ר **יוסף מאיר ווייס** זצ"ל
מספינקא - חקל יצחק

תש"ד — הג"ר **מאיר** ב"ר **טובי' שפיץ** זצ"ל
אבד"ד ביסטריץ

תש"ד — הג"ר **יעקב שלום** ב"ר **אליהו קליין** זצ"ל
אב"ד האלמין

תש"ד — הג"ר **אהרן** ב"ר **אפרים פישל הלוי עפשטיין** זצ"ל
שארית אפרים

תש"ד — הג"ר **יצחק** ב"ר **אברהם צבי קליין** זצ"ל
ברכת אברהם

תשכ"ז — הג"ר **אברהם שמואל** ב"ר **יעקב פאנעטה** זצ"ל
אב"ד קארלסבורג תל אביב'

תשל"ז — הג"ר **משה** ב"ר **ישראל לוין** זצ"ל
אב"ד נתני'

תשמ"ג — הג"ר **יעקב** ב"ר **עזרא מוצפי** זצ"ל
ראב"ד העדה החרדית הספרדית

תשמ"ט — הג"ר **רפאל יונה** ב"ר **ישראל מאיר טוקצינסקי** זצ"ל
ר"י ירוחם

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

---

## יזכרם

**זכרון שמות הנעדרים**
**שלא הניחו אחריהם זש"ק**
נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

### י"ג סיון

צו ארייננשרייבן נעמען אימעיל List@yizkereim.info

הב' אברהם ב"ר שלום (לעפקאוויטש) – הי"ד תרע"ט [סלאוואקיי] • אליעזר ב"ר יוסף שמעון (קאססאף) – תש"ג [NJ] • אליעזר ב"ר צבי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הב' אפרים ב"ר נחום בנימין (בראדי) – תש"ד הי"ד • הילד ארי' לייב ב"ר דוב – הי"ד תש"ד • הילד ברוך ב"ר אלטר פנחס (וועג) – הי"ד תש"ד • דוד ב"ר צבי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הלל מאיר אברהם ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הב' זאב ב"ר שלום (לעפקאוויטש) – הי"ד תרע"ט [סלאוואקיי] • הילד חיים ישראל ב"ר משה יצחק הלוי (שטערן) – תשל"ד [NJ חל' וויען] • יהודא ב"ר צבי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הב' יהושע העשל ב"ר נחום בנימין (בראדי) – תש"ד הי"ד • יונה ב"ר צבי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הב' יוסף ב"ר שלום (לעפקאוויטש) – הי"ד תרע"ט [סלאוואקיי] • רבי יוסף מאיר ב"ר אברהם אביש (הורוויץ) – הי"ד תש"ד • יעקב ב"ר צבי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • יצחק ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הב' ישעי' ב"ר שרגא – תר"ע [יוזעפף, פוילן] • משה אלימלך ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • משה ארי' ב"ר שמחה (יונגער) – תשפ"ב [ביה"ח ד'מאנסי] • הב' משה מרדכי ב"ר מאיר (דע־בלינגער) – תש"ד [בודאפעסט] • הילד משה ישראל ב"ר יוסף מאיר (הורוויץ) – הי"ד תש"ד • ר' נחום ב"ר שאול (אדלער) – תרצ"ה [יוניאן פיעלד] • הב' נפתלי הירץ ב"ר יעקב יוסף – תרי"ד [אונגווואר, אוקריינא] • ר' נתן ב"ר זכרי' אברהם הכהן (אדזע) – תש"ד [וואשינגטאן נ.י. חל' צאנז] • הב' רפאל ב"ר אורי שרגא (איינשטיין) – תשפ"ג [הר המנוחות] • הילד שלום ב"ר משה צבי (פארבער) – תשס"ח • הילד שמואל אהרן ב"ר משה חיים – תשל"ח [פיטא, האלאנד] • שמעון ב"ר אברהם (אשבורג) – תרס"ז [אלבאני נ.י.] • הב' שמעון דוד ב"ר משה איסר (טראכמאן) – תרצ"א [וואשינגטאן, נ.י.]

הבתולה גאלדא ב"ר חיים זאב – תרצ"ג [סעליש, אוקריינא] • גיטל ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • דבורה בריינא ב"ר דניאל בער הכהן – תרפ"ז [ראטשעסטער] • הבתולה דינה פיגא ב"ר שבתי (זאלצמאן) – תרפ"ה [מט חברון] • חי' ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • מרת חנה ב"ר יחזקאל (קלאגסברוין) – תשפ"ד [פתח תקוה, סגולה] • מרת טאבא רחל ב"ר דוד דוב (הורוויץ) – הי"ד תש"ד • לאה ב"ר מרדכי (גראזינגער) – הי"ד תש"ד • הילדה מרים רחל ב"ר יוסף מאיר (הורוויץ) – הי"ד תש"ד • הבתולה מרים פעסיל ב"ר צבי דוד (יאהר) – תרפ"ג [וואשינגטאן נ.י.] • הילדה פראדל ב"ר אלטר פנחס (וועג) – הי"ד תש"ד • הבתולה רחל ב"ר אברהם (געשטעטנער) – תרל"ז [פאראד, אונגארן] • הילדה שרה ב"ר אלטר פנחס (וועג) – הי"ד תש"ד • הבתולה שרה ב"ר יוסף מאיר – תרס"ו [סטראפקוב, סלאוואקיי]


Got a Ticket?
Call
THE TICKET FIGHTER

We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal Violations •
Ez Pass •

Call
718-954-4295
917-957-7545

TRAFFIC VIOLATIONS

We do personal injuries



**פדיון הבן מטבעות**

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)

# הילולא דצדיקא



**יארצייט פונעם טאג - י"ג סיון - שנת תש"ד**
**האדמו"ר רבי יצחק אייזיק ווייס מספינקא, בעל 'חקל יצחק'**

**געבוירן:** שנת תרל"ה
**זיין טאטע:** האדמו"ר רבי יוסף מאיר ווייס מספינקא, בעל 'אמרי יוסף'
**זיינע זין:** רבי ישראל חיים. רבי נפתלי צבי, אבד"ק בילקא
**זיין איידעם:** האדמו"ר רבי אברהם אביש הורוויץ מקראלי וספינקא.
**זיינע רבי'ס:** אביו הנ"ל.

ער איז געבוירן געווארן אין יאר תרל"ה, אינעם שטאט ספינקא, צו זיין פאטער, האדמו"ר רבי יוסף מאיר ווייס, דער ערשטער ספינקער רבי, בעל 'אמרי יוסף', זוהן פון רבי שמואל צבי, ראב"ד מונקאטש. די מוטער פון רבינו זצ"ל איז געווען הרבנית פערל לבית באש. מ'האט אים א נאמען געגעבן 'יצחק אייזיק', נאכן רבי'ן רבי אייזיק'ל פון זידיטשוב, פון וועמען זיין פאטער איז געווען א חסיד, ובברכתו האט ער זוכה געווען צו דעם קינד, וואס איז געבוירן געווארן וויניגער ווי צוויי יאר נאכן פטירה פונעם רבי'ן.

פון יונגווייז אן האט מען שוין געזען אז ס'וואקסט א גדול בישראל, ער האט זיך אלס קינד שוין געפירט מיט א זעלטענע קדושה, ווי צווישן אנדערע האט ער זיך געפירט צו האבן א באשטימטע סכום פון ווערטער וואס ער רעדט, און אזוי איז ער נזהר געווען אויף יעדע ווארט. ער האט זוכה געווען צו געבענטשטע כשרונות וואס ער האט אויסגעניצט צו הארעווען אויף תורה בהתמדה רבה, ער האט אפגעראכטן געהויבענע תפילות מיט א פלאם פייער. דער פאטער האט אפירגעזוכט און געדינגען פאר אים גוטע מלמדים, און באזונדער האט ער אויסגעקליבן פאר אים א חבריא פון גוטע חברים, מתמידים בתורה, מיט וועמען זיך צו חבר'ן. אזוי גרויס איז דאס קינד געשטיגן, אז דער פאטער האט שוין דאן עדות געזאגט אויף אים אז, "ער וועט מיך נאך פארשעמען מיט זיין גדלות".

ווען ער איז געווען אכט יאר, איז דער הייליגער שינאווער רב געווען אויף א באזוך אין ספינקא, און ער האט באזוכט ביים 'אמרי יוסף', וואו ער האט זיך אויך באקענט מיטן אכט יעריג קינד פון וועמען ער איז שטארק נתפעל געווארן. פון דארט איז דער שינאווער רב געפארן אויף שבת קיין סיגוט, און דער 'אמרי יוסף' האט מיטגעשיקט זיין זוהן, רבינו זצ"ל, אז ער זאל זיך מסתופף זיין בצילו פונעם שינאווער רב במשך דעם שבת. רבינו זצ"ל האט טאקע מיטגעהאלטן דעם גאנצן שבת, און ער איז געשטאנען אונטער דעם שינאווער רב ביי די טישן, און געמאכט זיכער נישט אראפ צו נעמען קיין אויג פונעם צדיק, און אויפכאפן אלצדינג.

אלס יונגל פלעגט רבינו זצ"ל זיך נאך ארומשפילן מיט מעשי ילדות וכדו', אבער ווען ס'איז געקומען די צייט פון זיין בר מצוה, האט דער פאטער אים געזאגט בפני כל עם ועדה, "ביז היינט האב איך דיר געטראגן עלי ועל צוארי, פון יעצט און ווייטער ביסטו אין דיין אייגענע רשות, זיי געווארנט מיט דיינע מעשים, אויב וועסטו ח"ו נכשל ווערן אין אן עבירה וועט דאס גיין אויף דיין חשבון". זינט דאן האט רבינו זצ"ל זיך ממש אפגעשיידט פון עולם הזה, און זיך אוועק געגעבן כל כולו פאר תורה און עבודת השם.

א קורצע צייט פאר זיין בר מצוה, האט דער פאטער אים גענומען אויף שבת קיין בעלזא צום הייליגן בעלזער רב מהר"י. דארט אין בעלזא האט ער שטארק נושא חן געווען ביי אלע וואס האבן אים געזען, און אויך דער זוהן פונעם בעלזער רב, דער שפעטערדיגער רב מהרי"ד, האט פיל פארברענגט מיטן קינד בדבר השם זו הלכה, אין הלכות בשר בחלב. יענעם שבת האט מען געגעבן פאר רבינו זצ"ל די עלי' פון מפטיר, טראצדעם וואס ער איז נאך געווען בעפאר די בר מצוה, הגם אז אין בעלזא האט מען געווענליך נישט געגעבן פאר קיין קינדער. דער הייליגער בעלזער רב האט דאן אויפגעהויבן זיינע אויגן און געקוקט אויפן קינד, וועלכער האט געשפירט אז איינער קוקט אויף אים, און ער האט זיך אומגעקוקט און געזען אז דער בעלזער רב איז דער וואס קוקט, ער האט שפעטער געזאגט, אז ער האט געזען ווי דער רב קוקט אים גוט אן מיט זיינע ריינע אויגן, מכף רגל ועד ראש.

התמדה בתורה. חתונה. לימן אביו. הסתלקות אביו. רב און רבי. און נאך, אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**


א' די האסט די כוחות.
מיר האבן די כוחות פאר שמירת עינים! גיי און ווייטער, כה לחי!
עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד
718-977-5554



# א גאסט ביים ברית

אנהייב יאר תרצ"ה, איז דער הייליגער 'מנחת אלעזר' פון מונקאטש געפארן צום שטאט סאסנאווצא, וואו ס'האט דאן געפירט זיין עדה הקדושה דער הייליגער ראדאמסקער רבי, בעל 'שבחי כהן'. דער מונקאטשער רב איז אהין געפארן צו דינען אלס מוהל און סנדק ביים שמחת הברית מילה פארן איינציגסטן אייניקל פונעם ראדאמסקער רבי'ן, וואס איז געבוירן געווארן בברכתו פונעם מונקאטשער רב.

ווײלנדיג דארט ביים שמחת הברית, האט דער מונקאטשער רב געשמועסט מיטן ראדאמסקער רבי'ן, און בתוך הדברים האט דער מונקאטשער רב דערציילט אט די וואונדערליכע מעשה:

געווען איז דאס אין יאר תקנ"ד, א שווערע און דראמאטישע צייט פאר פוילין בכלל, און פאר די אידן אין פוילין בפרט. דאס לאנד פוילין האט זיך דאן געפונען אין א גאר דעמאראליזירטן צושטאנד, ווען כמעט וואס פוילין האט שוין נישט עקזעסטירט, נאר עטליכע אנדערע גרויסמאכטן האבן געוועלטיגט איבער איר, אריינגערעכנט די רוסישע אימפעריע פון איין זייט און דאס קעניגרייך פון פרייסן פון די אנדערע זייט. די צוויי גרויסמאכטן האבן אלץ איינגענומען נאך און נאך שטיקער פון פוילין, און ס'האט אויסגעזען ווי אט אט וועט פוילין זיין א פארגאנגענהייט.

דאן איז ארויף געקומען אויפן ארענע דער פויליש בארימטער מלחמה גענעראל טאדעאוש קאשטשאשקאו, און ער איז ארומגעגאנגען אין פוילין, און מיט א שטארקייט דערקלערט אן אויפשטאנד, אדער ווי מ'האט דאס גערופן אין יענע צייט א 'פאוסטאניא', דאס הייסט א רעוואלוציע, קעגן רוסלאנד און פרוסיע.

טאדעאוש איז געווען א קאריזמאטישער מענטש, און ער האט באוויזן צו זאמלען ארום זיך שווערע טויזנטער פאטריאטן, וואס האבן זיך געשטעלט צו זיין זייט, און זענען אצינד גרייט געווען צו גיין זיך שלאגן און רעוואלטירן קעגן די גרויסמאכטן וואס האבן זיך ארויף געצווינגען אויף זיי.

דאס האט געפירט צו א פולשטענדיגע אויפשטאנד פון די פוילישע באפעלקערונג, אנגעהויבן אין ווארשא קעגן די רוסישע אימפעריע וואס האט דארט געוועלטיגט, און דערנאך ווייטער איבער פילע טיילן פון פוילין, וואו פולשטענדיגע מלחמה האט באהערשט דאס לאנד, אריינווארפנדיג אלצדינג און יעדן אין כאאס און אין אנגעצויגנקייט.

איבעריג צו זאגן אז די וואס ליידן די מערסטע אין אזעלכע סארט אומשטענדן, זענען אוודאי די אידן. אפגעזען ווער ס'האט א שטערקערע איבערהאנט, וועט דער אנדערער באשולדיגן די אידן אין שפיאנירן פארן שונא, אדער נישט ארויסוויזן גענוג געטריישאפט פאר זייער זייט, און דאס געבט דאך שוין רעכט פאר שונאי ישראל זיך צו הייבן דעם קאפ, און שיסן פיילן אינעם צילברעט – די אידן, רח"ל. בכלל, איז מלחמה א כאאטישער צושטאנד, אין וועלכן נארמאלע געזעצן ווערן נישט אינפארסירט, און דאס געבט פרייהייט פאר בייזוויליגע פארשוינען צו טון ככל העולה על רוחם, און אידן זענען אלץ די ערשטע צו ווערן געצילט.

נישט אנדערש איז געווען דא ביי דעם אויפשטאנד. דער מצב אין די גאסן זענען געווען איום ונורא, פאר מענטשן בכלל און פאר אידן בפרט. א איד האט פשוט מורא געהאט ארויסצוגיין אין גאס. אידן זענען געזעצן אין די הייזער, פארשפארט אונטער שלאס און ריגל, און געבעטן ביים אויבערשטן אז קיינער זאל זיי דאס הויז נישט איבערפאלן, און אז די ביטערע מלחמה זאל שוין קומען צו אן ענדע ווי פריער.

*******

געווען איז דאס אין יענע צייט, ווען צו א פארפאלק, אין א קליינעם פוילישן דארף, איז אין א גוטע שעה געבוירן געווארן א יונגעלע. ווען ס'זענען אריבער עטליכע טעג זינט דאס קינד איז געבוירן, האט די מוטער פונעם קינד, אנגעהויבן בעטן ביי איר מאן, אז ער זאל זען מסדר צו זיין אויף עפעס אן אופן, אז מ'זאל קענען מאכן א ברית מילה פארן קינד בעתו ובזמנו, כדת וכדין. און הגם טאקע אז קיין מנין וועט נישט מעגליך זיין צו ברענגען אין די יעצטיגע אומשטענדן, דאך אבער דארף מען פרובירן צו ברענגען כאטשיג א מוהל און א סנדק, אז ס'זאל חלילה נישט אריבערגיין דער אכטער טאג אנדעם וואס דאס קינד זאל גע'מל'ט ווערן.

אט קומט שוין דער טאג פונעם ברית, אבער דער פאטער פונעם קינד קען זיך נישט ברענגען ארויסצוגיין זוכן א מוהל, ער ציטערט פאר זיין לעבן. אבער די מוטער געבט נישט אויף, זי וויל נישט הערן פון אזא זאך אז מ'וועט איר קינד נישט מל'ן צוליב מלחמה אומשטענדן, אויב די תורה הייסט מל'ן אינעם אכטן טאג דארף מען אזוי טון.

מ'האלט שוין א טאג בעפאר די ברית דארף פארקומען, אבער דער פאטער קען זיך נאכאנץ נישט ברענגען ארויסצוגיין אין גאס, און זוכן א מוהל. די ביטערע מצב האט געברענגט דערצו אז דער פאטער האט זיך אנגעהויבן גאר שטארק צו ערגערן אויף דעם וואס ער וועט נישט זוכה זיין אריינצוברענגען זיין קינד לבריתו של אאע"ה, און ער איז צוריסן געווארן צווישן זיין פחד פון גיין אין גאס, און

צווישן זיין באגער מקיים צו זיין די מצוה.

אויף אזוי ווייט האט דער מצב אים צוגעטרעטן צום הארץ, ביז ווען ער איז ל"ע קראנק געווארן, און ער איז אריינגעפאלן אין בעט חרוב ונחרב, אזש קוים וואס ער איז געווען ביי זיך, און זיכער איז ער שוין אצינד נישט געווען אומשטאנד צו גיין זוכן א מוהל.

דער אכטער טאג איז אנגעקומען, און די מוטער, די יולדת, האט געזען אז אויב וועט זי נישט נעמען שריט, וועט קיין ברית נישט זיין. האט זי אריינגערופן איר עלטערע יונגל, און זי האט אים באאויפטראגט אז ער זאל זען אויף עפעס אן אופן אנצוקומען ווי שנעלער צום דערנעבענדיגן שטאט ראדאשיץ, און ער זאל זיך ווענדן צום ארטיגן מוהל, און אים בעטן אז ער זאל אזוי גוט זיין און שנעל אריבערקומען דא אין דארף און מל'ן זייער ניי געבוירן קינד, ווייל היינט איז דער אכטער טאג.

דאס קינד איז געווען יונג און תמימות'דיג און האט קיין סאך נישט פארשטאנען פון די סכנה וואס הערשט אינדרויסן, און ער האט זיך געלאזט אין וועג אריין צופיס קיין ראדאשיץ. דער אויבערשטער האט אים געהיטן, און ער איז אנגעקומען קיין ראדאשיץ לעבעדיג און געזונט. ראדאשיץ אזי אויך געווען פוסט – קוים וואס דאס קינד האט געזען א מענטש אין גאס. אויך דארט האט יעדער געציטערט ארויסצוגיין, און קוים מיט צרות האט ער באוויזן אנצוקומען צום שטוב פונעם מוהל. דער מוהל האט אים אבער געלאזט וויסן זייער קלאר אז ס'איז נישטא וואס צו רעדן, אין יעצטיגן מלחמה צושטאנד גייט ער נישט אין ערגעץ, ער קען נישט אננעמען דעם ברית.

דאס קינד איז געווען אובד עצות, אבער אזויפיל האט ער געוואוסט אז ער גייט נישט צוריק אהיים אן קיין מוהל. ער האט אריינגעקלאפט אין הויז נאך הויז, זען אויב ער קען אפשר טרעפן איינער וואס קען דינען אלס מוהל , און וועט וויליג זיין צו קומען מיט אים צום דארף וואו זיינע עלטערן וואוינען. אבער יעדער האט אים אפגעזאגט.

צוביסלעך האט מען אין שטאט אנגעהויבן שמועסן איבער דאס קינד וואס דרייט זיך אין די גאסן און ער זוכט א מוהל. אין ראדאשיץ האט דאן געוואוינט א חסידישער און געהויבענער איד, רבי ישכר בער האט ער געהייסן, וועלכער איז נאך דאן נישט באקאנט געווען אין די וועלט, נאר שפעטער איז ער באקאנט געווארן אלס דער רבי פון ראדאשיץ, אדער ווי מיר קענען אים היינט אלס דער 'סבא קדישא' פון ראדאשיץ.

ווען דער סבא קדישא האט געהערט אז א קינד דרייט זיך ארום ביי זיי אין שטאט זוכן א מוהל, האט ער באלד אויפגעזוכט דאס קינד, און אים געזאגט מיט גרויס פרייד אז ער איז א מוהל, און ער איז גרייט צו קומען מיט אים וואו אימער ס'זאל נאר זיין, אויף מקיים צו זיין די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון מילה. דאס קינד האט אויפגעלאכטן, און אינאיינעם מיטן סבא קדישא האט ער געמאכט דעם וועג צוריק צו זייער דארף, וואו די מוטער איז שוין געזעצן און געווארט אויפן קינד און אויפן מוהל.

דער סבא קדישא איז אריין אין שטוב, און די מוטער האט אויפגעלאכטן, און באלד ארויסגעברענגט דאס קינד, און דער סבא קדישא האט אנגעהויבן זיך גרייטן צום ברית, אבער דאן איז אונטערגעקומען דעם פראבלעם, אז זיי האבן נישט געהאט ווער ס'זאל דינען אלס סנדק. דער פאטער פונעם קינד איז נאך ל"ע געווען חרוב קראנק אין בעט, דער סבא קדישא איז געווען דער מוהל, און קיין סנדק איז נישט געווען.

דער סבא קדישא איז ארויס אין גאס, און האט אנגעהויבן זוכן א סנדק. אבער די גאס איז פוסט און לער, קיינער איז נישט דארט, יעדער ציטערט פאר זייער לעבן, קיינער גייט נישט ארויס פון שטוב. דער סבא קדישא האט געהאט גרויס צער פון דעם, און ער האט געהאפט אז אפשר דאך וועט איינער פארביי גיין.

ענדליך איז אריבער אין גאס א מענטש מיט א גאר פשוט'ע אויסזען, גרויסע גראבע שטיוול, און ארבעטס כלים אויף די פלייצעס, און דער סבא קדישא האט זיך אנגעהויבן בעטן ביי דעם אורח אז ער זאל אריינקומען צו דינען אלס סנדק ביי א ברית מילה. דער גאסט האט צום ערשט שטארק אפגעזאגט, אבער נאכדעם וואס דער סבא קדישא האט נישט אויפגעהערט צו מוטשענען, און ער האט צוגעזאגט פארן גאסט אז ס'וועט נישט געדויערן לאנג, נאר אפאר מינוט, ווילאנג ס'דויערט צו מל'ן און נאכדעם קען ער גיין, האט דער אורח באוויליגט און ער איז אריינגעקומען.

מיט אן התלהבות דקדושה האט דער הייליגער סבא קדישא אפגעראכטן דעם ברית מילה פארן קינד, און דאן בשעת'ן ברית האט ער זוכה געווען צו זען און פארשטיין אז דער גאסט וואס ער האט דא אלס סנדק איז בכלל נישט קיין פשוט'ע גאסט, נאר ער איז גאר אליהו הנביא אליינס! וועמען מ'האט געשיקט פון הימל צו דינען אלס סנדק ביי דעם ברית.

אזוי ווי מ'האט געענדיגט דעם ברית, האט דער 'גאסט' געוואלט גיין, אבער דער סבא קדישא, האבנדיג אליהו הנביא צו די האנט, האט אים שוין אצינד נישט געלאזט גיין אזוי שנעל, נאר ער האט אים באאויפטראגט אז ער זאל אריינגיין צום שטוב פונעם אבי הבן און אים אויסהיילן פון זיין קרענק.

ווען א צדיק איז גוזר איז הקב"ה מקיים, און אוודאי אזוי אז אליהו הנביא האט מקיים געווען וואס דער צדיק האט אים געהייסן. ער איז אריין אינעם שטוב ווי דער פאטער פונעם קינד איז געלעגן, כמעט ווי א בר מינן ל"ע. אליהו הנביא איז צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט, "היינט איז דיין שמחה! פארוואס ליגסטו? ווען וועסטו אויפשטיין פון בעט אנצוגרייטן וואס מ'דארף פאר די סעודה, און זיך פרייען מיט דיין שמחה?".

ס'האט נישט געדויערט מער ווי געציילטע מינוטן ביז ווען דער בעל שמחה איז אויפגעשטאנען געזונט און פריש כאחד האדם, און ער האט טאקע אנגעגרייט א סעודת ברית און זיך געפריידט מיט די גרויסע מצוה, און געלויבט דעם אויבערשטן אויף די גרויסע חסדים.

צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 732.696.4300

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | BTH | Details | |
|---|---|---|---|---|
| Finchley/ Hearthstone | 1 | 1 | New btfl upgraded furn chosson/kalla apartment in Hearthstone near O&V, W/D, ground floor, large windows, Available mid-November. | 732.606.2242 |
| The 70 | 3-4 | 2 | Brand new gorgeous basement, available mid Nov- $1800/$2000 | 732.730.4074 |
| BELZ SHLAV HEI | 5 | 3 | Brand new house available immediately | 347.451.1636 |
| 55+ | 2.5 | 2 | Magnificent House available for rent in Heimeshe Over 55 Community in Lakewood, right next to Shuls and all Facilities | 732-474-8632 |
| OAK & VINE | 4 | 2 | Upgraded quiet basement, newly renovated $2000 | 718.682.2598 x 1 |


KUPETZ TAX
Individual and Business Accounting Services

Avrumy Kupetz
732-930-9187
info@kupetztax.com

>Tax Returns
>Bookkeeping
>LLC Formation

Call now for 1099 filing!

WEEKLY BLOWOUT SPECIAL

JS JUDAICA SQUARE

North: 1105 E County Line Rd.
South: 1328 River Ave. (Seagul Square)
732.444.3111

גרויסע שטענדער
$139.99
REGULAR $200



Smartlist
The Premier Jewish Phonebook

Available on all App Stores



די בארימטער היימישע אידישע היים
דירעקטארי עפפ שטעלט צו סערוויסעס פאר
איבער 25 היימישע שטעט איבער די גארער
וועלט. איז אייער פאמיליע גליסיסטעט אויף
סמארט ליסט ? רופט יעצט

848-224-9395 smartlistapp.com 800-530-4296

# Commercial
Rentals

| Location | Size | Details | Contact |
|---|---|---|---|
| RIDGE AREA | OFFICE | Basement office avail in ridge area airy and spacious private entrance and bath | 732.618.5262 |
| CENTRALLY LOCATED ON AIRPORT ROAD | Warehouse | large FULLY RACKED warehouse with offices avail to rent from June 1st with option of dividing to smaller spaces | 732.503.3484 |
| INDUSTRIAL PARK | SINGLE/DOUBLE OFFICE | private single/ double offices available all inclusive pricing. | 732.330.9412 |
| JACKSON | 3,000 SF + OFFICE | Approx 3k sq ft WH space Jackson + 1,200 sq Office space - Text for more info | 848.326.4030 |


PREMIER MORTGAGE
Licensed Mortgage Broker, NJ. #2401792
Loans Originated through third party providers.
SUPER-LOW MORTGAGE RATES FOR HOMEBUYERS
CALL NOW FOR A QUICK QUOTE
Sign up for rate updates, text "LOW RATES"
YEHUDA GROSS
732.773.9233
NMLS 1494185







## JOBS

## B"M PHOTOGRAPHY

**Bar Mitzvah Photography**
Reasonable pricing
**Call/Text: 347.694.7274**

## SERVICES

## JOB OPPORTUNITY

Busy food store looking for a cashier
Thursday Afternoon & night & Friday
Every week
$25 hourly
347-585-6676
For more details

## CUSTOM SOFTWARE & APPS

Custom Software & Apps Quick, Easy & Bug Free – Softx.dev – 347.696.6669

## HANDYMAN

Handyman by the hour
Get your house back in order for just $150 a hour
Please call 848-389-8219

## JOB OPPORTUNITY

**Join clicktotalent.com for the latest job opportunities!**

## CAR SERVICE

**Shaye's Transportation**
EWR - $130 JFK/LGA-$220
BP/Flatbush - $180
Monsey - $160
English, Hebrew, Yiddish
**Call/Text/WA 917.494.4823**

## RELIABLE HEIMISHE DRIVER

Reliable Heimisha Driver
New clean comfortable vehicle
(2025) Starting prices:
Lkwd Ewr 115$
To Bp/flatbush 165 $
Monsey 150 $
Reserve now, call/text/whatsapp
8483300775


# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

- ✓ Customer Service
- ✓ Bookkeeping
- ✓ Data Entry
- ✓ Architecture
- ✓ Property Management
- ✓ Amazon Assistance
- ✓ Collections
- ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

**HIRING4LESS™** 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM


## NEUROFEEDBACK

Struggled through another year ?
How long more do you want to suffer ?
NEUROFEEDBACK REALLY HELPS .
Call 419-750-4046
Anxiety, depression, ADD, ADHD, OCD, foggy brain, anger management, or just stuck . For all ages

## MISC

## USPS FOREVER STAMPS

Inspected and tested by USPS $40 per 100 (Min. 300)
Reach out for discounted prices on larger quantities.
Email: greatdeals4cheap1@gmail.com
SMS/LV MSG: 718-594-8502
FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! we accept CC!

## FIX & FLIP LOANS

**Fix & Flip loans.
Refinance loans.
fast approvel.
RFK FUNDING
347-256-5646**

## VACATION RENTALS

## משנה אותיות נשמה

איר קענט יעצט האבן די געלעגנהייט
צו מסדר זיין מ'זאל לערנען משניות
אויפ'ן יארצייט שלשים י"א חודש
לעילו נשמת אייער נאנטע טאטע
מאמע וכדו'
845-664-4749

## DAY CAMP

Few slots available in 3 year old day camp ridge / rt 88 area.
For more information
call or text 7326185262

## KJ APT FOR RENT

4 room apartment in center of KJ still available for Shveaus. Please call 845-806-2078.

## מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?

זענט איר א מלמד מגי"ש וכדו' און מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?
א מלמד מיט 23 יאר עקספריענס וואס האט זיך געלערנט א bpt
מעטאד ווי אזוי צו פארמיידן פון אנשטרענגן אייער שטימע און נישט
ווערן הייזעריג, האט שוין געהאלפן רבנים, מגידי שיעורים, און
מלמדים, גרייט צו געבן רעפרענס ספעציעלע פרייז פאר בני תורה
917-543-3845

## שבת / וואכנטעג אין סקווירא

New Square: Beautiful 4 Bedroom apt avail. for Shabbes for rent or for weekdays also 1 bedroom suite for rent.
Close to the shul.
Call/Text/Vm 845.641.9217

## MONSEY CAMPUS AVAILABLE FOR RENT – DAY CAMPS & EVENTS

Spacious campus ideal for summer day camps, group outings, and programs. Flexible rental options available daily, monthly, or hourly. POOL is available and can be rented separately by the hour.
Great Minds 845-520-3250

## LUXURIOUS MONSEY VACATION

Beautiful, upscale homes available for short-term stays in the Monsey area. Some properties feature private POOLS. Accommodations for 18–100 guests—ideal for large families, Shabbatons, and group getaways.
Available year-round.
Great Minds 845-520-3250

## BALTIMORE

שבתון
לבני הישיבות
917.806.8075

## אספקלריא

זעיט די שיינקייט ,רייכקייט,לעכטיקייט פון
אופן חיבור ספר תהילים,א שמועס מיט הרב
אברהם זילבער,לרגל שבעת ימי תשלימין פון
יום טוב שבועות,
רופט אספקלריא
18459994949 דריקט 4,230

## LKWD VACATION

5 bedroom duplex in Blue River guestay.com/lakewood-duplex
845-999-8452

## PROFESSIONAL WEBSITES

Professional Websites
For Just $1,495 •
Webrrific •
929.925.SITE

# צעטליך
## אויפהענגען?



TMG
הענגט אין אלע אידישע
געגנטער אין אמעריקא
בתי מדרשים, קאנטסראקשאן, פאבליק פלעצער

718.925.2300 #103 | info@tmgmediany.com


בס"ד
Jerusalem is where everyone wants to be
The Kehilla is where the smart ones are buying.
Jerusalem Hills at 1/3 of the price
The Kehilla has been turning heads in Israel since it launched, answering a need for many Anglo families wanting to raise a family in Israel with the community life they are used to. Now we're bringing the full story to Lakewood.
Rabbi Wiesenfeld
Join The Getter Group on a deep dive into the Kehilla. Discover the vision for the community, the location, the pricing and its projected rise so you could put your best foot forward in securing your part.
Mr. Shia Getter
CEO The Getter Group
Dedicated Women's section
LAKEWOOD
Wednesday June 10 | 8:00 pm.
LIMITED SEATS.
Register for free: 7187058761
thegettergroup.com/events/kehilla
THE GETTER GROUP LTD.
YOUR BRIDGE HOME